# עולם התורה שאקירט און אויפגעשטורעמט פון שענדליכע שריט דורך א.ג. 'בית דין' מתיר צו זיין אן אשת איש צו גיין חתונה האבן רח"ל

## ביד"צ התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא קומט ארויס מיט גאר שארפע מחאה און אזהרה "שלא ירבו ממזרים בישראל"

ניו יארק. - אין די איצטיגע טעג איז דער עולם התורה וההלכה אין אמעריקע און איבער דער גארער וועלט שאקירט, ווען עס איז באקאנט געווארן אז א געוויסער זעלבסט-געקרוינטער "בית דין בינלאומי לעניני אישות" האט ארויסגעגעבן אן א.ג. 'היתר' פאר אן אשת איש צו גיין חתונה האבן מיט א פרעמדן מאן רח"ל, עפעס וואס קען טראגן טראגישע און שרעקליכע קאנסעקוועצן פאר די פרוי און איר משפחה בפרט, און פאר דאס גאנצע ערליכע אידנטום בכלל.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז די שפאלטן פון א צייטונג זענען נישט דער פלאץ אויסצושמועסן קיין קאמפליצירטע הלכה'דיגע טעמעס, בפרט אין די האקעלע ענינים פון קידושין וגירושין, נאר אויפ'ן שפיץ גאפל איז דער א.ג. 'היתר' געבויט אויפ'ן יסוד פון "קידושי טעות", א קאנצעפט וואס איז ביסודו אויסטערליש האקל און רירט אן די סאמע יסודות פון אידישקייט, וואס כמובן געהער עס אויסשליסליך פאר גדולי ישראל, און נאך גרונטליכע בירורים עמוקים אין גאר זעלטענע פעלער, און דער דעת תורה פון רוב גדולי ישראל איז תמיד געווען זיך קיינמאל נישט צו באנוצן מיט אזא היתר און ס'איז אוודאי נישט עפעס וואס יעדער מאן דהו קען אריינרעדן דערין.

דער דאזיגער 'קאנצעפט' ווערט יעדע שטיק צייט פריש אויפגעברענגט, אפטמאל דורך אזעלכע וואס זוכן אונטער'ן שלייער פון גוטע כוונות צו ראטעווען אן עגונה, אבער לכבוד דעם פרובירן זיי עוקר צו זיין רח"ל עיקרי התורה און מאכן פאר א חוכא וטלולא די הארבסטע איסורי דאורייתא וואס איז נאר שייך. בדרך כלל ווערט דאס אפירגעקראצט דורך רעפארם ראביים, אדער אזעלכע וואס זענען 'אחים לדיעה' מיט די סארט רעפארמיסטישע געדאנקען, און עס ווערט בכלל נישט באטראכט אלס מאסגעבנד דורך קיין ערליכע רבנים.

אין די לעצטע שטיק צייט אבער האט פאסירט געציילטע פעלער ווען אפילו 'ארטאדאקסישע' רבנים האבן געזוכט זיך צו באנוצן מיט דעם סארט 'היתר' מבטל צו זיין קידושין, עפעס וואס איז א געפארפולער פאסירונג, אפילו אויב עס געשעט נאר איין איינציג מאל, און לויט ווי גדולי דורינו שליט"אווארענען מוז מען ארויסקומען דערקעגן מיט'ן שארפסטן ווי נאר מ'הערט פון אזא מעשה, כדי קיינער זאל חלילה נישט זיך איינרעדן כאילו דאס האט עפעס א הלכה'דיגער תוקף, און מ'מוז עס אפשטעלן נאך בעפאר עס ווערט איינגעריסן אזא שרעקליכע פירצה אין דעם יסוד היסודות פון כלל ישראל.

אין איצטיגן פאל האט עס פאסירט מיט א פרוי וואס האט געזוכט צו באקומען א גט פון איר מאן, וועלכער האט ליידער מסרב געווען הזמנות והתראות בי"ד און געהאלטן זיין פרוי פאר אן עגונה. די פרוי האט זיך געוואנדן צו דעם פריערדערמאנטן א.ג. 'בית דין', און זיי האבן אויפ'ן סמך פון לעכערליכע טענות איר ארויסגעגעבן דעם 'היתר', און אויך דאס אן וואס זיי זאלן דורכפירן געהעריגע חקירות ודרישות, אדער ווייניגסטנס כאטש הערן פונעם מאן צי די זאכן וואס די פרוי פארציילט האבן אפילו דאס מינדסטע האפט.

ליידער האט די פרוי אויסגענוצט דעם 'היתר' מיט א שטארקע לייכטזיניגקייט, און נישט צוגעהערט די התראות פון הרבנים הגאונים שליט"א וועלכע האבן איר געווארנט אז דער 'היתר' האט נישט קיין הלכה'דיגע האפט, זי האט ווייטער א דין אשת איש און אז אויב זי וועט נאכאמאל חתונה האבן רח"ל וועלן אירע קינדער בלייבן ממזרים לעולם ועד, ה' ירחם. אבער לדאבון לב פון יעדן ערליכן איד האט זי חתונה געהאט צו איינעם וואס איז ליידער נישט קיין ציית דין תורה ה"י, און זיי וואוינען אצינד אינאיינעם.

נאך וואס עס איז אנטשטאנען א שטורעם דערוועגן איבערהאלב דעם עולם התורה, האבן די גדולי הרבנים זיך געוואנדן צום בית דין צדק שע"י "התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא", וועלכע האט זיך אריינגעלייגט אין די נושא בעובי הקורה, און נאך א לענגערן דיון און גביית עדות און גוט נאכגיין די פרטי הדברים ביי אן אסיפת הביד"צ פארגאנגענעם זונטאג תולדות, וואו עס זענען אנוועזנד געווען די חברי הבד"צ, כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א, הגה"צ אב"ד סערדאהעלי ודומ"ץ נייטרא-מאונט קיסקא שליט"א, הגה"צ אב"ד מגד יהודה שליט"א, ובראשם דער ראש בית דין הגה"צ גאב"ד פריימאן שליט"א, אויך איז אנוועזנד געווען הגה"צ דומ"ץ פאלטישאן שליט"א, ועוד, איז דער ביד"צ ארויסגעקומען מיט א גאר שארפע מחאה און ווארענונג אז די פרוי, מרת עטרה מיכל קריינדלער, לבית סימקאוויטש, האט א ריכטיגער דין פון אן "אשת איש", און זי טאר נישט וואוינען ווייטער קיין איין רגע מיט וועמען זי וואוינט יעצט, און אויב זי וועט געבוירן קינדער וועלן זיי זיין ממזרים רח"ל.

דער שטארקער דעת תורה ופסק הלכה האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג אין די אידישע וועלט, און לויט ווי מ'הערט גרייטן זיך נאך גדולי התורה, סיי פון אמעריקע און סיי פון ארץ ישראל ועוד, ארויסצוקומען מיט א מחאה אדירה קעגן די פירצה נוראה בבית ישראל.

ס'איז צום האפן אז די לייכטזיניגע וועלן זיך בארעכענען אויסצופאלגן די קלארע הוראה און דעת תורה פון די גדולי הרבנים שליט"א, און השי"ת זאל אפהיטן כלל ישראל אז אזעלכע געמיינע אקטן זאלן מער נישט פאסירן, ויה"ר שילמו תועים בינה, וכל הרשעה כולה בעשן תכלה בהתגלות כבוד שמים עלינו בביאת משיח צדקינו בב"א.

## דעת תורה - ופסק הלכה

**התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא**

**Central Rabbinical Congress of the U.S.A. and Canada**

*85 Division Avenue • Brooklyn, NY 11211 • Tel. (718) 384-6765 • Fax: (718) 486-5574*

בס"ד

### נבלה נעשתה בישראל

לאחר שפנו אלינו כמה רבנים מנהיגי עדות קדושות בישראל, וכמה אנשים שיודעים היטב העובדא של אשת איש שנתפרדה מבעלה שלא רצה ליתן לה גט פטורין, והלכה ונישאת לאיש אחר בלא גט על פי היתר מבית דין בינלאומי לעניני אישות, שכתב לה פסק היתר להנשא לעלמא משום שקידושיה מבעלה היה קידושי טעות, ישבנו יחד באסיפת רבנים לישא וליתן בהנידון.

ואחרי שמיעת עדות בדבר, ואחר שראינו פסק ההיתר שהובא לפנינו, אשר תסמר שערות ראש כל רואהו, התירו אשת איש לעלמא בלא גט בדברי הבל ושטויות רחמנא ליצלן מהם ומהמונם, אשר כמוהו לא נשמע מעולם להתיר אשת איש בהיתרים כאלו. מצינו עצמינו מחוייבים להודיע לרבים

**שהאשה עטרה מיכל (לבית סימקאוויץ)**

**היא אשת איש הדרה ביחד עם איש שאסורה עליו**

**ואיסור חמור של אשת איש רובץ עליהם**

**ומעתה היא אסורה לבעל ולבועל לעולם,**

**ועל פי הדין אם תלד יהיה הולד ממזר.**

**על כן כל מי שבידו להשפיע על אשה הנ"ל ועל מי שדר עמה שיתפרדו זה מזה תיכף ומיד ולעולם, למצוה רבה יחשב, שלא יכשלו באיסור החמור של ניאוף באשת איש ושלא ירבו ממזרים בישראל.**

וזאת למודעי! ששום רב ומורה לא יסמוך על הוראת ב"ד הנזכר כי יהיו נלכדים בעון חמור שקשה מדור המבול, ובשום אופן לא יהין שום רב ומורה להתיר אשת איש לעלמא בלא גט על סמך היתרים של הפקעת קידושין או קידושי טעות ח"ו, שקשה עונם מנשוא והם מרבים ממזרים בישראל, ואבותינו ורבותינו לא סמכו להתיר בדברים כאלו בשום פנים ואופן, והשומע לדברינו ישכון בטח.

וחתמנו שמינו ה' לס' 'ואלה תולדות' א' דר"ח כסלו תשע"ט

**מנחם זכרי' זילבער**
אבד"ק פריימאן, ראב"ד

**הילל וויינבערגער**
אבד"ק סעדראהעלי, ודומ"ץ נייטרא

**יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין**
אבד"ק גאלאנטא, חבר הבד"צ

**יהודה משולם דוב פאלאטשעק**
אבד"ק מגד יהודא, חבר הבד"צ

**יצחק שטיין**
דומ"ץ פאלטישאן